# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

345 | פרשת שופטים | תש"פ

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### ווער זענען די 'דייני דבבא'?

"שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ" (טז יח)

אין די ערשטע 'יקום פורקן' וואס מיט דעם הייבט מען אן מוסף פון שבת, בעטן מיר אויף די מנהיגים פון אידישן פאלק, און צווישן זיי: "ולדייני דבבא". 'בבא' איז א 'טויער' אויף א אראמיש, און די כוונה איז לכאורה אויף די דיינים וואס זיצן ביי די טויער פון שטאט, אזוי ווי די תורה האט באפוילן: "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", און אזוי פסק'נט דער רמב"ם (סנהדרין א ג): "מעמידין בכל עיר ועיר מישראל שיש בה מאה ועשרים או יותר סנהדרין קטנה, ויושבת בשער העיר שנאמר (עמוס ה טו): 'והציגו בשער משפט'".

אבער עס זענען דא וואס קווענקלען אין דער פשש, ווייל די תפילה 'יקום פורקן' האט מען מתקן געווען אין די תקופה פון די גאונים, און אין אט די תקופה זענען די דיינים שוין נישט געזיצן ביי די טויערן פון די שטעט נאר דירעקט אין צענטער פון די שטעט. וועגן דעם טייטש מען 'דייני דבבא' דאס זענען די דיינים וואס זענען ספעציעל באקאנט אין דיני ממונות, און זיי ווערן אזוי אנגערופן ווייל די הלכות זענען בעיקר אין די דריי 'בבות' - מסכתות 'בבא קמא', 'בבא מציעא' און 'בבא בתרא'.

'כנסת הגדולה' ג' [ווארשא תרנ"א] עמ' 91

### די ברכה אויפן מלך אזוי ווי די פרשה פון מלך

"וְאָמַרְתָּ אָשִׂימָה עָלַי מֶלֶךְ" (יז יד)

**רבי מרדכי הכהן פון צפת זאגט:**

אין די פרשה פון דער 'מלך' זענען דא קל"ח ווערטער, אזוי ווי די צאל פון 'חָלַק'. דעריבער האט מען מתקן געווען זאגן די ברכה אויף די אידישע חכמים און מלכים מיטן לשון 'חָלַק', אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נח א): "הרואה חכמי ישראל אומר: 'ברוך **שחלק** מחכמתו ליראיו', חכמי אומות העולם - אומר: 'ברוך שנתן מחכמתו לבשר ודם'. הרואה מלכי ישראל אומר: 'ברוך **שחלק** מכבודו ליראיו', מלכי אומות העולם - אומר: 'ברוך שנתן מכבודו לבשר ודם'".

'שפתי כהן'

### אפילו זכות קריאת שמע בלבד

"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה" (כ ג)

אין גמרא (סוטה מב א) דרש'נט מען פון דער פסוק: "אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית, אי אתם נמסרים בידם" (סוטה מב א). ערקלערט דער **מהרש"א** ווייל ביים אנהויב און ביי די ענדע פון פסוק האט די תורה אנגעכאפט א לשון רבים: "וְאָמַר אֲלֵהֶם... אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם", וואלט לכאורה אויך אינמיטן געדארפט זיין א לשון רבים: 'שמעו ישראל'. פון דעם וואס די תורה כאפט אן א לשון יחיד: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", איז געדרינגען אז די תורה וויל מרמז זיין אז אין זכות פון זאגן 'שמע ישראל' שטארקן זיך די אידן אויף זייערע פיינט.

מיט די אויבנדערמאנטע ווערטער טייטש **רבי יצחק אלחנן ספעקטאר** דער קאוונער רב וואס מיר בעטן ביי 'תחנון': "שומר ישראל שמור שארית ישראל, ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל" - אפילו אויב זייער גאנצע השגה אין דיר איז נאר דאס זאגן 'שמע ישראל', איז די זכות גענוג זיי באשיצן פון אלעם שלעכטן.

עס איז אינטערעסאנט דא אנצייכענען א בריוו וואס **רבי צבי הירש פערבער** האט איבערגעשריבן פון א ענגלישע צייטונג וואס איז ערשינען אינמיטן די ערשטע וועלט'ס קריג, י"ט תמוז תרע"ו. דער בריוו האט געשיקט א גוי'שער סאלדאט פון די פראנט וואו דארט האט ער געקעמפט מיט די אונגערישער מיליטער פאר זיין ווייב: "איך בעט דיר, בעט פון אונזער שכן 'חיים' דער איד, ער זאל דיר ערקלערן די באדייט פון די ווערטער 'שמע ישראל'; ווייל יעדע מאל וואס העכער אונזערע קעפ פליען אריבער באמבעס און די סאלדאטן פאלן ווי זאנגען נאכן שניט, דעמאלטס הייבן אן די אידישע סאלדאטן שרייען 'שמע ישראל' און זיי ווערן געראטעוועט פון טויט. נאך וואס ער וועט דיר ערקלערן די באדייט זאלסטו מיר עס באלד אפשרייבן אין א בריוו, און חלילה ווען איך וועל זיך געפינען אין א לעבנ'ס געפאר וועל איך געראטעוועט ווערן אין זכות פון די ווערטער".

'מהרש"א' ח"א סוטה מב א; 'כרם הצבי'; 'אעירה שחר' שם

### דער סוד פון ריינע אמונה

"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה" (כ ג)

"אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע [וואס הייבט זיך אן מיט 'שמע ישראל'] שחרית וערבית, אי אתם נמסרים בידם" (סוטה מב א).

דער הויפט ענין פון דער ערשטער פסוק פון קריאת שמע איז דאס וואס מיר קעניגן און איינציגן דעם אייבערשטן אויף אונז מיטן רוף "ה' אלוקינו ה' אחד!". פארוואס דערמאנט די תורה דווקא די ווערטער 'שמע ישראל' אלץ דער זכות וואס זאל באשיצן די אידן פון זייערע פיינט?

האט **רבי שלמה זלמן אויערבאך** ערקלערט:

די חכמים האבן אויסדערוועלט די ווערטער 'שמע ישראל', ווייל אין זיי ליגט באהאלטן א געוואלדיגער יסוד: אונזער אמונה אין ה' שטאמט נישט דורך אויספארשטן, נאר דורך הערן, דאס וואס א זון הערט פון זיין טאטן און א תלמיד פון זיין רבי. דעריבער האט דער כהן המשיח אויסגערופן: 'שמע ישראל', און מיט דעם האט ער מרמז געווען פאר די אידן אז אין זכות פון זייער ריינע אמונה וועלן זיי זיך מתגבר זיין אויף זייערע פיינט.

'הליכות שלמה' תפילה עמ' שסז

### 'שופטים ושוטרים' אין יעדער שול

"שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ" (טז יח)

**רבי משה אריה פריינד גאב"ד ירושלים האט געזאגט:**

אין דעם טאג וואס איז פארגעקומען די הקמת-מצבה אויף די קבר פון א ערליכער איד וואס אלע זיינע יארן האט ער מעורר זיין און מחזק זיין די ענין פון ענטפערן אמן אין שול, איז מיר ארויף געקומען אויף די געדאנק צו טייטשן אזוי דעם פסוק "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ":

די חכמים זאגן דאך (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כחו - פותחין לו שערי גן עדן". דעריבער ווארנט אונז דער פסוק: "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ" זאלסטו שטעלן אין אלע שולן וואס זייער פליכט איז אכטונג געבן און מעורר זיין דעם ציבור זאלן חלילה נישט שמועסן נאר אויסהערן דעם חזן און ענטפערן אויף יעדע ברכה, אזוי וועט דער גאנצער ציבור זוכה אריינגיין "בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ " - אין גן עדן.

'עטרת יהושע'

### דעם 'צדק' דארף מען נאכיאגן כדי צו מקיים זיין

"צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" (טז כ)

**רבי אליהו האראשאווסקי אב"ד דראהביטש האט ערקלערט:**

אין זוהר הקדוש (תיקו"ז חדש קלב א) שטייט, אז די ווארט 'צדקה' איז א רמז אויף די ציפער פון די פיר דברים שבקדושה וואס דער מענטש דארף זיי מקיים זיין יעדן טאג, און דאס זענען: צ' אמנים, ד' קדושות, ק' ברכות, ה' חומשי תורה - די ר"ת פון 'צדק"ה'.

גערעכט טאקע אז צו לימוד התורה קען יעדער איינער זוכה זיין דורך שטיצן די לומדי תורה (זעה טור יו"ד רמו), אבער די ברכות, די אמנים און די קדושות איז מען מחויב אליין צו זאגן, און דאס איז דא מרמז דער פסוק: "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" - די דריי זאכן וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צד"ק' דארפסטו אליין 'נאכלויפן' עס צו מקיים זיין, און זיך נישט פארלאזן אויף אנדערע.

'אזור אליהו'

מ'דארף אנמערקן אז לויט די גירסא פון **הרמ"ע מפאנו** (שו"ת, סי' קט) אין זוהר, קומט אויס אז די ווארט 'צדיק' איז א רמז אויף די צאל פון די דברים שבקדושה וואס מ'דארף מקיים זיין יעדן טאג - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות.

"על פי התורה אשר יורוך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה"

נאך די אומרוען אין די יארן ת"ח ות"ט האט מען מגלה געווען פארן בעל 'תוספות יום טוב' פון הימל, אז ווייל די אידן אין יענעם דור זענען נכשל געווארן אין די זינד פון רעדן אין שול, איז דער 'דיבור' איבערגעדרייט געווארן אויף 'דֶבר' און עס זענען געקומען אויף זיי די גזירות פון ת"ח ות"ט (קונ' 'מורא מקדש' הנדפס בראש ספר 'רב ייבי').

**אין בעפארברייטונג פון די יומא דהילולא פון דער מאור הדורות רבינו ה'תוספות יום טוב' וואס געפאלט אויס דעם קומענדיגן מיטוואך ו' אלול, ווען מיר זיך מחזק זיין מיט אכטונג געבן אויף כבוד בית הכנסת און מיר וועלן געבענטש ווערן מיט די ברכות וואס ווערן דערמאנט אין דעם ספעציעלן 'מי שבירך' וואס ער האט פארפאסט פאר דער וואס געבט אכטונג זיין מויל בשעת'ן דאווענען, ונאמר אמן.**



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די משנה 'אלו דברים' (א)

### לערנען מקרא משנה און גמרא

אלץ א חלק פון דער סדר הלימוד נאך די ברכות התורה, נאכן זאגן די פסוקים פון ברכת כהנים, האבן די מסדרי התפילה באשטימט זאגן די משנה 'אלו דברים', וואס איז געבויעט אויף די ערשטע משנה אין מסכת פאה, וואו דארט ווערן געברענגט צוויי גרופע'ס פון מצוות וואס האבן א געוויסע פארבינדונג; די ערשטע - מצוות וואס די תורה האט נישט באשטימט א שיעור וויאזוי מ'זאל זיי מקיים זיין. און די צווייטע - אזעלעכע מצוות וואס דער וואס איז זוכה זיי מקיים זיין באקומט א ספעציעלע שכר אויף דער וועלט ['פירותיהן'], אויסער דער שכר פון די מצוה ['הקרן'] וואס איז אוועקגעלייגט אויף עולם הבא.

עס איז דא א אונטערשייד צווישן די ערשטע משנה אין מסכת פאה צו די משנה 'אלו דברים' וואס מיר האבן; אין מסכת פאה ווערן געברענגט נאר פיר מצוות 'שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה', אבער מיר דערמאנען נאך זעקס מצוות; פיר פון זיי איז פון די ווערטער פון רבי יוחנן אין מסכת שבת (קכז א), און אויסער דעם נאך צוויי - "הכנסת כלה ולויית המת".

פון תוספות (ברכות יא ב ד"ה שכבר) זעט אויס, אז נאר דער ערשטער טייל - "אלו דברים שאין להם שיעור...", איז זיין מקור אין משניות פאה, אבער דער מקור פון דער צווייטער טייל - "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם..." - איז אין א ברייתא וואס מיר האבן נישט היינט (מהרש"א שם). אבער עס זענען דא וואס ערקלערן אז תוספות מיינט צו זאגן אז דער מקור פון דער צווייטער טייל איז די 'מימרא' פון רבי יוחנן וואס איז אויבן אראפגעברענגט געווארן ('מסורת הש"ס' שם).

פון די ווערטער פון רבינו יונה (ברכות ה ב מדפי הרי"ף) קענען מיר פארשטיין די סיבה פון די ענדערונג, ווייל ער שרייבט אז די דריי ברכות התורה וואס מיר זאגן יעדן אינדערפריה ['לעסוק בדברי תורה'; 'המלמד תורה לעמו ישראל'; 'נותן התורה'] זענען אקעגן: 'מקרא; 'משנה' און 'גמרא'. דעריבער האט מען מתקן געווען לערנען 'מקרא' - די קאפיטל פון 'ברכת כהנים', 'משנה' - "אלו דברים שאין להם שיעור" וכו', און גמרא - "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם" וכו' (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' יד).

### דער טעם אויפן לערנען דוקא די משנה פון 'אלו דברים'

פארוואס האט מען דווקא באשלאסן זאגן די משנה 'אלו דברים' מער פון אלע משניות?

א. אין ספר 'סדר היום' (סדר ברכות של שחרית) ערקלערט ער: אין די משנה ווערן אויסגערעכנט מצוות וואס די אידן, רחמנים און גומלי חסדים, זענען ספעציעל אפגעהיטן אין דעם, דעריבער לערנען די זאכן אינדערפריה פארן דאווענען, איז מעורר א זכות אויף די אידן, און דאס זאגן איז ווי א תפילה מ'זאל אויסגעלייזט ווערן אין שכר פון די מצוות.

ב. אין סידור 'עבודת ישראל' ברענגט ער א ערקלערונג, זיי האבן אויסדערוועלט די משנה: "ווייל דאס זענען הלכות פסוקות, און רעדט זיך פון מצוות וואס זענען אנגייענדיג יעדע מינוט און ביי יעדן מענטש".

ג. אין סידור 'צלותא דאברהם' (עמ' טו) ערקלערט ער: די משנה לערנט אונז אז 'תלמוד תורה' האט נישט קיין שיעור, און עס ליגט א מצוה אויפן מענטש צו לערנען לויט זיין מעגליכקייט. דעריבער האט מען מתקן געווען עס צו לערנען, אזוי וועלן מיר נישט האבן א טעות אז מיר האבן שוין יוצא געווען דער חוב פון לערנען תורה מיט די קורצע לימוד פון נאך ברכות התורה.

### די מצוות אויפן פעלד וואס האבן נישט קיין שיעור

עס זענען דא מצוות וואס די תורה האט באשטימט א שיעור וואס ווייניגער פון דעם טאר מען נישט פארוויינערן, צ.ב.ש. די מצוה פון עסן מצה פסח ביינאכט, וואס מ'מוז עסן א כזית. און פון די צווייטע זייט זענען דא מצוות וואס די תורה האט באגרעניצט א שיעור וואס אויף דעם קען מען נישט צולייגן, אזוי ווי די מצוה פון אפשיידן תרומה, וואס א מענטש קען נישט באשטימען זיין גאנצע פעלד אויף תרומה (ירושלמי פאה א א).

די משנה רעכנט אויס פינף מצוות וואס די תורה האט אינגאנצן נישט געגעבן קיין שיעור - נישט אויף אראפ און נישט אויף ארויף. אויב אזוי, קען מען זיי מקיים זיין מיט דעם קלענסטן שיעור, און פון די צווייטע זייט קען יעדער צולייגן און זיי מקיים זיין אן קיין גרעניץ.

די ערשטע צוויי מצוות זענען פארבינדן מיט געוואוקסן פון פעלד - "הפאה, והביכורים". די מצוה פון 'פאה' איז, דער וואס שניידט זיין פעלד זאל נישט אלעס אפשניידן, נאר איבערלאזן א טייל אין די עק פון פעלד ['פאה'] פאר ארימעלייט, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא יט ט-י): "לא תכלה פאת שדך... לעני ולגר תעזוב אותם". מדין תורה איז נישטא קיין שיעור אויף די 'פאה' וויפיל מ'דארף איבערלאזן אין פעלד, נאר דער מענטש קען מקיים זיין דעם חיוב פון 'פאה' אויך אויב ער וועט איבערלאזן איין ווייץ פון די גאנצע פעלד, און אזוי אויך פארקערט - ער קען אפשניידן נאר איין ווייץ און איבערלאזן די איבעריגע אויף 'פאה'. אבער די חכמים האבן באשטימט א שיעור אויף די מצוה וואס פון דעם טאר מען נישט פארוויינערן, און דאס איז: א זעכציג'סטל פון די פעלד (רא"ש פאה א א).

ביי די מצוה פון 'ביכורים' זענען מיר באפוילן געווארן באשטימען די פרוכט וואס זענען די ערשטע געצייטיגט געווארן, זיי ארויף טראגן צו די בית המקדש און מקיים זיין וואס עס שטייט אין פרשת כי תבא (דברים כו). די מצוה איז נאר ביי די פירות פון די שבעת המינים. מן התורה האט די מצוה פון 'ביכורים' נישט קיין שיעור; א מענטש קען יוצא זיין די מצוה מיטן געבן איין פרוכט, און פון די צווייטע זייט קען ער זאגן אז אלע זיינע פרוכט זענען 'ביכורים' (רא"ש שם). עס זענען דא וואס האלטן אז די חכמים האבן אויף די מצוה אויך באשטימט א שיעור - א זעכציג'סטל (רמב"ם ביכורים ב יז, וראה תיו"ט ביכורים ב ג).

### 'ראיון' וואס האט נישט א שיעור

בזמן שבית המקדש היה קיים האט יעדער איד זיך געדארפט באווייזן אין די עזרה אין אלע דריי רגלים, אזוי ווי עס שטייט (דברים טז טז): "שלוש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך". צו דעם האט מען געדארפט ברענגען א קרבן עולת ראיה (רמב"ם חגיגה א א). אויך די מצוה האט נישט קיין שיעור - אויב א מענטש איז געשטאנען אין עזרה נאר איין מינוט האט ער יוצא געווען, און פון די צווייטע זייט אויב ער איז געשטאנען אין עזרה אלע טעג פון יו"ט, האט ער מקיים געווען א מצוה יעדע מינוט (רא"ש שם; 'שנות אליהו' שם).

פון דעם וואס די משנה כאפט אן 'הראיון' אינצווישן די אנדערע מצוות וואס זיי האבן נישט קיין שיעור, איז אין דעם אויך אריינגערעכנט דער חיוב פון ברענגען א קרבן 'עולת ראיה' וואס ווי געזאגט איז דאס פון די תנאים פון די מצוה, און עס האט נישט קיין שיעור ווייל מדין תורה קען מען יוצא זיין דער חוב פון ברענגען א עולת ראיה, מיט יעדע ווערד וואס זאל נאר נישט זיין (רע"ב שם).

### גמילות חסדים ותלמוד תורה

די מצוה פון גמילות חסדים איז א מצוה וואס מ'קען מקיים זיין סיי מיטן 'גוף' צ.ב.ש. שמחת חתן וכלה און ביקור חולים, און סיי מיט געלט צ.ב.ש. געבן צדקה און פדיון שבויים. טון גמילות חסדים מיטן קערפער האט נישט קיין שיעור, אפילו מדרבנן. אבער גמילות חסדים מיט זיין פארמעגן, טראץ וואס מן התורה איז נישטא קיין שיעור, דאך האבן די חכמים באשטימט (כתובות נ א) אז מ'טאר נישט אויסגעבן מער פון א פינפטל פון זיין פארמעגן אויף צדקה (פירוש המשניות לרמב"ם שם).

אויך די מצוה פון 'תלמוד תורה', וואס מיר זענען עס מקיים דורך לערנען די משנה יעדן אינדערפריה, האט נישט קיין שיעור. דער מענטש איז באפוילן געווארן לערנען לויט זיין מעגליכקייט, אזוי ווי עס שטייט (יהושע א ח): "והגית בו יומם ולילה" (פירוש הרא"ש שם). דער וואס איז באשעפטיגט מיט זיינע געברויכן אדער ער מוז טון א אנדערע מצוה, קען יוצא זיין די מצוה אפילו דורך לערנען איין ווארט אין טאג. און פון די צווייטע זייט, ווי מער דער מענטש פארמערט לערנען, פארמערט ער נאך און נאך מצוות.

פון דעם קענען מיר פארשטיין ווי ווייט איז באליבט די מצוה פון לימוד התורה, ווייל אויב נאר מיטן לערנען איין ווארט איז מען מקיים א מצוה, על אחת כמה וכמה דער וואס איז זוכה לערנען אסאך שעות דורכ'ן טאג - ווי גרויס זענען די זכויות וואס ער קען צולייגן יעדן טאג, טויזנטער און צענדליגער טויזנטער. און פון די צווייטע זייט דער וואס קען לערנען תורה און לערנט נישט, וויפיל צענדליגער מצוות דערלייגט ער יעדן טאג! ('שנות אליהו' שם).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## גוט צוקלאפט אנשטאט א קלאפ אין די בלעך

פאלגנד איז א 'איינפאכע' ערציילונג, וואס אזעלעכע פאסירן גאנץ אפט, אבער פון דעסוועגן, דירעקט צוליב זיין איינפאכקייט ליגט עפעס אין דעם. דאס וואס מיר זענען זוכה צו זען אזויפיל מאל, איז בעסער פון סיי וועלעכע שטורעמישע געשיכטע - פשוט, תפילה העלפט! ווען דו נויטיגסט זיך אין א ישועה - א קליינע אדער א גרויסע - דאוון פון טיפן הארץ, און די ישועה וועט קומען.

און אט אזוי דערציילט דער בעל המעשה:

אין ראם פון מיין ארבעט דארף איך ארום פארן אין פארשידענע שטעט דא אין לאנד, און מיין בעל הבית האט מיר וועגן דעם צוגעשטעלט א אויטא. נאך עטליכע יאר וואס איך האב זיך באנוצט מיט א אלטע אויטא, האט מיין באס מיך געמאלדן אז ער האט באשלאסן קויפן פאר מיר א נייע אויטא וואס וועט שטיין צו מיין באנוץ.

עטליכע טעג נאכדעם בין איך איבערראשט געווארן ווען איך האב באקומען א נייע אויטא, 'ארויס פון די פלעסטיק'. איך האב זיך געפריידט צו קענען דרייוון א נייע אויטא. יענעם טאג האב איך געדארפט פארן צו די צענטער פון ירושלים, א פלאץ וואו דארט איז שווער צו טרעפן פארקינג, עס האט גענומען עטליכע מינוט ווען איך דריי זיך אהער און צוריק, ביז איך האב געטראפן א געהעריגע פלאץ צו פארקן.

ווען איך בין צוריק צו מיין אויטא, נאך ארום א האלבע שעה, האב איך געטראפן עטליכע אויטא'ס נעבן מיין אויטא, שטארק צונויפגעפרעסט, אז כדי איך זאל קענען ארויספארן פון די פארקינג האב איך געדארפט קענען פירן מיט גרויס פאכמאנישקייט. 'יעצט איז די צייט צו פרובירן די רעווערס...' - האב איך געטראכט צו מיר מיט א שמייכל. געטראכט און געטון, איך האב איידלערהייט געקוועטשט אויף די געז, איך האב געווארט צו הערן א פייף וואס וועט מיך דערמאנען איך זאל אויפהערן קוועטשן, אבער אנשטאט דעם האב איך געהערט א שטארקע קראך, איך האב געזען אז איך האב אריינגעקלאפט אין א אויטא וואס איז געווען אונטער מיר... א 'מיצובישי' פון א אלטע מאדעל.

איך בין ארויס פון מיין אויטא צו באטראכטן די שאדן. די שאדן פאר מיין אויטא איז געווען גאנץ ווייניג, אבער פון די צווייטע זייט, די אלטע מיצובישי איז שטארק געשעדיגט געווארן, די בלעך איז ערנסט צוקלאפט געווארן און עטליכע לעמפלעך זענען צובראכן געווארן.

עס איז שווער צו שילדערן די שלעכטע געפיל וואס האט מיך ארום גענומען, ווען איך האב באטראכט וואס איז געשען דורך מיר, אבער איך האב נישט געטראכט זיך ארויסדרייען פון די אחריות; איך האב ארויסגענומען פון מיין טאש א שטיקל פאפיר און א פעדער און איך האב געשריבן פארן באלעבאס פון די אויטא:

"צו מיין ווייטאג האב איך געשעדיגט דיין אויטא, איך טו זיך אנטשולדיגן, פארבינדט זיך מיט מיר וועגן באצאלן". אונטן האב איך אויפגעשריבן מיינע פערזענליכע איינצעלהייטן - א נאמען, אדרעס און א טעלעפאון, און כ'האב באהאפטן די צעטל אויף די פארדערשטע גלאז פון די געשעדיגטע אויטא.

עטליכע טעג נאכדעם קלינגט מיין סעלפאון ביי מיר אין טאש, דער וואס האט גערעדט פון די אנדערע זייט האט זיך פארגעשטעלט אלץ עודד, דער אייגנטימער פון די מיצובישי, זיין שטימע איז געווען גערירט:

"הער מיך אויס מיין גוטער פריינד, קיינמאל בעפאר האט אזאנס נישט פאסירט מיט מיר", האט ער געזאגט מיט א ברען, "שוין עטליכע מאל וואס איך לייג מיין אויטא אויף דער פלאץ, אין לויף פון די יארן האט עס באקומען נישט ווייניג קלעפ פון אומ'אחריות'דיגע דרייווער'ס, אבער זיי האבן מיר קיינמאל נישט געמאלדן אויף דעם. אבער דו, מיין פריינד, דו ביזסט א גראדער מענטש! איך בין ממש איבערראשט פון דיר! איך בין זיכער אז דו ביזסט א פרומער, נאר די פרומע פירן זיך אויף אזוי שיין..."

"וויאזוי קען איך דיר פארגיטיגן? וויפיל דארף איך באצאלן?" - האב איך אפגעהאקט זיין ברען, און דער מענטש פון די אנדערע זייט פון די ליין האט מיר ערקלערט אז ווייל ער האלט ביים פארקויפן זיין אויטא, דארף ער צוריק שטעלן די אויטא אויף איר פריערדיגן צושטאנד כדי ער זאל עס קענען פארקויפן. מיר האבן אפגעשמועסט אז ער זאל זיך נאכפרעגן ביי א ביליגן גאראזש די פרייז און מיר מעלדן.

עטליכע שעה'ן נאכדעם האט ער מיר דערציילט אז עס איז אים געלונגען טרעפן א גאראזש אין מזרח ירושלים וואס וועט עס פאררעכטן פאר דריי און א האלב טויזנט שקלים.

דריי און א האלב טויזנט שקלים... מיין הארץ האט אנגעהויבן שטארק קלאפן, פון וואו זאל איך נעמען אזא גרויסע סומע געלט ווען מיין געהאלט איז אויך נישט גענוג 'ענדיגן דעם חודש', אבער פאר דעם מענטש פון די אנדערע זייט האב איך געזאגט מיט א זיכערהייט, עס איז נישט קיין פראבלעם, ביז עטליכע טעג וועל איך אריבערפירן צו זיין באנק אקאונט די געפאדערטע סומע. מיט א ברייטהארציקייט האט דער מענטש מסכים געווען ווארטן מיט די צאלונג ביז זונטאג אין צוויי וואכן ארום.

עס זענען אדורך די צוויי וואכן, עס איז אנגעקומען דער זונטאג ווען איך האב נישט קיין אנונג פון וואו וועל איך נעמען דאס געלט, ממש 'פארצופאל' אין דעם טאג איז אויסגעפאלן מיין געבורט'ס טאג, א טאג וואס ווערט פאררעכנט אלץ א 'עת רצון', און מיר איז נישט איבערגעבליבן נאר אויסנוצן די צייט און דאווענען. איך האב זיך אויסגעשמועסט מיט ה' יתברך מיט איינפאכע ווערטער און אים געשלידערט מיין צרה:

"טאטע אין הימל, איך דארף היינט האבן דריי און א האלב טויזנט שקלים, איך בעט נישט מער פון דעם, אבער איך בעט דו זאלסט מיר העלפן איך זאל קענען האבן די נויטיגע סומע און איך זאל דארפן אראפשניידן אין די פרנסה פון מיין פאמיליע". אזוי האב איך ווייטער גדאווענט פון טיפן הארץ ביז איך האב געפילט א פארגרינגערונג.

ווען איך בין צוריק פון דאווענען שחרית האב איך גענומען די סעלפאון אין די האנט און איך האב געזען אז עודד האט מיך געזוכט נישט ווייניגער פון פינף מאל אין די לעצטע שעה, איך האב אים צוריק געקלינגען, איך האב געקלערט, זיכער וויל ער מיר איבער געבן די איינצעלהייטן פון זיין אקאונט... אבער ער איז געווען זייער גערירט און כמעט נישט געקענט רעדן...

"מיין טייערער גוטער פריינד, דו ביזסט א גוטער מענטש, דער אייבערשטער האט דיך ליב! דארפסט נשט צאלן איין פיאסטער אויך נישט!" - האט ער געזאגט, ווען די ווערטער זענען ענדליך ארויסגעקומען פון זיין מויל. "פארוואס, וואס האט פאסירט??" - האב איך זיך אינטערעסירט, און עודד האט דערציילט: "פאר ארום צוויי שעה, ווען איך האב געפארקט אויף מיין באשטימטן פלאץ, איז א לאנגע באס פון די 'אגד' קאמפאני אומווילנדיג אריין אין די ענגע פארקינג. ווען ער האט זיך געוואלט ארויסראטעווען פון דער פלאץ, און עס איז אים געלונגען, אבער נישט בעפאר ער האט זיך צוזאמגעשטויסן אין מיין מיצובישי און עס צוקוועטשט ווי א 'פיתא'...

ביז א קורצע צייט האט די 'אגד' קאמפאני געשיקט איינער זאל שאצן די שאדן, יענער האט באשלאסן אז מיין אויטא קען מער נישט פארן. א פארשטייער פון די אינשורנ'ס קאמפאני וואס איז מיט אים מיטגעקומען האט שוין אנגעהויבן רעכענען וויאזוי מ'זאל מיך פארגיטיגן און מיר שענקען א אויטא מיט די פולע פרייז. דארפסט מיר נישט באצאלן, עס איז פשוט נישטא וואס צו פאררעכטן...".

"וועלעכע 'תיקון' האסטו געטון כדי עס זאל דיר געשעהן דער נס?" - האט עודד זיך אינטערעסירט, "קיין שום 'תיקון' נישט" - האב איך געענטפערט, "איז יענע מינוט האב איך פשוט גדאוונט!" - האב איך אים אנטפלעקט דעם סוד וואס אויסער דעם וואלט גארנישט געווען.

'פקודיך דרשתי' בהעלותך

שיי עיצובים shay